גליון
# חיים נצחיים
א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה"ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי"א

גליון 02 | פרשת **שמיני** | שבת **פרה**

לע"נ חברינו היקר הבלתי נשכח
מוהר"ר **אברהם** ע"ה במוהר"ר
**משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק

## גרייט אויף פּעטש

ארויסגענומען פון ליקוטי הלכות, שבת ה"ז

> אויף וועלכע זאך האט זיך דער רבי' אויסגעדרוקט אז אויב איז מען נישט קלאר אין דעם, איז נישט מעגליך צו זיין א ערליכע איד? פארוואס איז 'רבי נתן' נאכנישט צופרידן מיט די עבודה פון 'ר' שואל'? פארוואס האבן 'נדב' און 'אביהוא' נישט געוואלט חתונה האבן?

אויב איז אייך שוין אויסגעקומען אפילו איינמאל דורכאויס אייער לעבן, וואס עס האט אייך אנגעכאפט א ברען אנצוהייבן דינען דעם אייבערשטן, האט איר זיך שוין ווארשיינליך באגעגנט מיט אזעלכע מאמענטן, אין וואס איר האט געוואלט אנהייבן עפעס צו טון אין 'עבודת השם', ווי: אנהייבן צו דאווענען ערליך, לערנען פלייסיג, ארויסגיין פון כעס, אויפשטיין פרי. אבער אנשטאט זיך אנהויבן רוקן פאראויס און זעהן פארשריט, האט עס גאר אנגעהויבן צו גיין אינעם פארקערטן ריכטונג. פונקט דעמאלטס האסטו זיך געדארפט פלוצלינג אנהייבן ספראווען מיט אזעלכע נסיונות, וואס דו האסט אפילו נישט געוואוסט אז עס עקזעסטירט ביז יעצט, אדער פונקט דעמאלטס איז עס דיר נישט געגאנגען אזוי ווי דו האסט גערעכנט, פילנדיג אינגאנצן א אָפּגעגאָסענער אזוי ווי דער 'עבד' - "ששפך לו רבו קיתון של מים בפניו".

אסאך מאל, ווערט דער מענטש וואס דערזעהט זיך אין אזא מצב שפירן, אז ער קען שוין מער נישט אזוי אנגיין. ער זאגט: "איך בין טאקע גרייט צו דינען דעם אייבערשטן, אבער מיטן תנאי אז איך זאל קענען כאטש אנקומען צו מיין ציל. איך בין שוין אויסגעברענט פון לעבן אזא סארט לעבן מיט 'עליות' און 'ירידות', ס'שיינט יא, ס'שיינט נישט, איך האב שוין נישט קיין כח, איך גיי מער נישט וייטער".

דאס איז אבער א פארדריסליכער גרייז. וויבאלד א מענטש וואס איז גרייט צו דינען דעם אייבערשטן, בתנאי אויב אלעס ווערט אים גיין געשמירט אזוי ווי ער וויל, דעמאלטס זאגט ער אין אנדערע ווערטער פאר'ן אייבערשטן: "רבונו-של-עולם, איך וועל דיר דינען נאר וויאזוי **איך** וויל". דאס מיינט, אז דו דינסט נישט דעם אייבערשטן, נאר דו דינסט דיינע אייגענע אינטערעסן!

איינע פון די וויכטיגסטע איבונגען וואס מען מושטירט א זעלנער איידער מען לאזט אים ארויס קעמפן אויף געפארפולע מיסיעס, איז וויאזוי מען גיבט זיך א עצה 'על כל צרה שלא תבא' אין פאל מען ווערט געכאפט אין האנט פון די פיינט. פאר מען גייט נישט דורך די טרענירונג, קען מען נאכנישט ארויסלאזן דעם זעלנער אויפן שלאכט, וויבאלד אפשר אויב ער ווערט ח"ו געכאפט ווערן אין אומגעוואונטשענע הענט, ווערט ער זיך נישט קענען פארמעסטן מיט די פיינונגען וואס ער ווערט מעגליך אויסשטיין.

> **איידער מען לאָזט אים ארויס קעמפן אויף געפאַרפולע מיסיעס, מושטירט מען אים, וויאַזוי מען גיבט זיך אַ עצה אין פאַל מען ווערט געכאַפּט אין א פּאַסטקע פונעם פיינט.**

א מענטש וואס רישט זיך שטענדיג בלויז אויף עליות און הצלחות, נישט נעמענדיג אין באטראכט וואס ער ווערט טון אויב עס ווערט ח"ו געלונגען פאר'ן פיינט, דער יצר הרע, אים אריינצוכאפן אין א אומגערישטע פאסטקע, איז ער גלייך צו א זעלנער וואס לאזט זיך ארויס קעמפן אין פיינטליכע טערעטאריעס - אָן צו וויסן פארדעם וויאזוי מען פארמעסט זיך אין א נויטפאַל, וואס ווי פארשטענדליך האט ער וויניגער שאנסן ארויסצוגיין לעבעדיג פון קריג.

די אלע שטיינדלעך וואס קומען אונטער אינמיטן וועג פון דערנענטערט ווערן צום אייבערשטן, איז נישט קיין ערשיינונג וואס **קען** צומאל דורכגיין אויף א מענטש, נאר דאס **מוז** דורכגיין אויף יעדע מענטש ווען ער הייבט אן אריינצוגיין אין עבודת השם. רבי נתן שרייבט: "ווען א מענטש וויל מקורב ווערן צום אייבערשטן איז **בהכרח** (- עס מוז זיין) עס זאל אריבערגיין אויף אים **אלפים ורבבות** ירידות אָן קיין שיעור" (אונאה ה"ג). פונקט ווי דער

*המשך בעמוד ב'*

## מעט מן האור

*ליקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו*
*בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

### פרשת השבוע

***כל מפרסת פרסה בבהמה*** *(היינו, 'שפרסותיו סדוקות')* ***אותה תאכֵלו*** *(ויקרא י"א ג')*

היינו, כי לפעמים כשאדם נמשך אחר עבירות ח"ו, אזי הסט"א מסבב אותו מכל צד עד שנדמה לו שאי אפשר עוד לצאת ממקום ירידתו ולשוב להשי"ת. אבל באמת צריך האדם לידע, שגם **ברגלי** מדריגות התחתונות של **הבהמיות** יש שם **סדקים** ופתחים לצאת משם. מה-שאין-כן, המינים טמאים אסור לאכלן, כי פרסותיהם קלוטות וסגורות, כי נמשכין מצד הטומאה, והם רוצים לרמות את האדם כאילו אין לו עוד פתח לשוב להשי"ת, וכאילו הוא יישאר לעולם סגור ורמוס בין רגלי התאוות.

*(ליקו"ה סימני בהמה וחיה טהורה ה"ב)*

***וכל השרץ השורץ על הארץ שקץ הוא לא יֵאָכֵל*** *(ויקרא י"א מ"א)*

ופירשו רבותינו ז"ל: **כל זמן שלא פרשו מותרין** (עיין רש"י). התורה הקדושה מרמז לנו בזה, שֶׁאפילו כשאדם נופל למקומות מטונפים ומקולקלים ח"ו, (בבחינת 'שרצים' שנתהוים מטינוף וקלקול של כל דבר), אזי כל זמן שהוא מבקש ומחפש אחר השי"ת **ממקומו** (בבחינת "ובקשתם משם את ה' אלקיך") ואינו **פורש** לחוץ לגמרי, עדיין יש לו תקוה להשיבו אל הקדושה, ומותר לאכלו ולתקנו.

*(ליקו"ה תולעים ה"ג אות א')*

### פרשת פרה

***ענין פרה אדומה שכל מעשיה הם מחוץ למחנה.***

כי שורשה נמשך ממקום גבוה כל-כך עד שיכול לטהר את אלו שנשארו **חוץ ממחנה** הקדושה. ועל-כן כל העוסקים בפרה הם טמאים עד הערב, זה רמז, שהצדיק הגדול מוסר נפשו לפעמים ויש לו איזה ירידה לפי שעה (בבחינת "עד הערב") כדי להרים ולטהר את כל אלו שנפלו ונטמאו - לאביהם שבשמים (בבחינת "ואני ידי מלוכלכות בדם שפיר ושליא כדי לטהר אשה לבעלה").

*(ליקו"ה תחומין ה"ד אות ט"ז)*

### קמחא דפסחא

***מצ"ת ראשי תיבות - צ'דקה ת'ציל מ'מות***
*(ליקו"מ ר"א)*

נראה מזה, שצדקה מסוגל להינצל בפסח מאיסור חמץ, שהוא סטרא דמותא (כמבואר בזוה"ק), ולזכות לקדושת אכילת מצה בשלימות. ומזה מובן קצת מה שנתייסד מקדמונים ומדברי רבותינו ז"ל ליתן מעות חטים לעניים קודם פסח.

*(ליקוטי עצות פסח מהדו"ב אות ו')*

יוצא לאור ע"י **אברכים דחסידי ברסלב** ברוקלין יצ"ו | להערות והארות ולקבלת הגליון באימעיל: Cn.Breslev@gmail.com | לתרומות והנצחות נא לפנות: 347.974.1220

אייבערשטער וויל אז דער מענטש זאל זיין קאמפס-גרייט צו גיין שטענדיג העכער, פונקט אזוי וויל דער אייבערשטער צומאל אויספראוון דעם מענטש, און זען וויאזוי ער שטארקט זיך ווען עס גייט אים נישט פונקט לויט זיינע פלענער, און זען וויאזוי ער וועט זיך דעמאלטס קענען שטארקן אנצוגיין ווייטער.

צווישן די דערהויבענע תלמידים פונעם הייליגן רבי נתן האט זיך געציילט 'רבי שואל', ער איז געווען בארימט ביי אלעמען מיט זיין אויסערגעווענליכע ברען און פלאַקער פאר'ן אייבערשטן, מיט דעם אלעם האט זיך רבי נתן אמאל אנגערופן צו אים: "ר' שואל, **איך האב נאך פון דיר קיין הנאה נישט! אז איך זאל זען ווי דו פאלסט אראפ, און דערנאך זאל איך זען ווי דו דערהאלטס זיך, וואלט איך פון דיר הנאה געהאט!**". 'ר' שואל' האט טאקע ליידער נישט מאריך ימים געווען, און רבי נתן האט זיך אויסגעדרוקט אויף אים די פסוק וואס שטייט ביי 'חנוך': **"ואיננו כי לקח אותו אלקים"** (בראשית ה כ"ב), אזוי ווי רש"י איז דארט מסביר, אז דער אייבערשטער האט געוואוסט אז ער וועט אראפפאלן און ער וועט זיך נישט קענען דערהאלטן, דערפאר האט ער אים צוגענומען פון די וועלט (שיש"ק א תנ"ב).

דער הייליגער רבי טוט קלארשטעלן: "ווילאנג א מענטש איז נישט גענוג שטארק און פעסט ביי זיך, אז ער וועט זיך שטענדיג ציען צום אייבערשטן מיט וואס ער קען נאר, סיי אין א מצב פון **עליה**, און סיי אין א מצב פון א **ירידה** ח"ו, אפילו די ירידה וועט זיין וויאזוי עס וועט נאר זיין... ווילאנג א מענטש האט נאכנישט קלאר אט די התחזקות, איז **נישט מעגליך** ער זאל אמת'דיג מקורב ווערן צום אייבערשטן" (שיחות הר"ן מ"ח). וויבאלד "א מענטש דארף זיין אזוי שטארק ביי זיך, אז אפילו נאך סיי וואספארא ירידה ער וועט דורכגיין, זאל ער זיך ווייטער קענען האלטן און בענקען און שרייען און דאווענען צום אייבערשטן, און דינען דעם אייבערשטן מיט 'שמחה'!" (שם).

ביי **נדב ואביהוא** געפונען מיר אין די תורה (פ' אחרי) אז זיי זענען געשטארבן - **"בקרבתם לפני השם"**. ווידער אין 'זוהר הקדוש' געפונען מיר, אז זייער פגם איז געווען אז זיי האבן נישט חתונה געהאט. וויבאלד אינאמת'ן אריין - זאגט רבי נתן - איז דאס אלעס איינס: 'נדב ואביהוא' זענען געווען גאר גרויסע צדיקים, זיי האבן שטענדיג נאר געוואלט **מקורב** ווערן צום אייבערשטן און ארויפגיין העכער און העכער. זיי האבן אבער נישט געהאלטן ביים זיך אראפלאזן צו די עולם הזה'דיגע וועלט, 'אויפצושטעלן א שטוב', און 'אויפציען קינדער' און דארפן זיין פארנומען זיך אפצוגעבן מיט זיי, מיט א דירה, און אלע אנדערע וויכטיגע געברויכן און לעבנס באדינגונגען, זיי האבן בלויז געוואלט קענען לעבן שטענדיג אין הימל - אָן צו דארפן קומען אין בארירונג מיט סיי וואס עס אנבאלאנגט צו אט די נידריגע גשמיות'דיגע ערד קוגל. דערפאר האט דאס גורם געווען אז זיי האבן געמוזט פריצייטיג פארלאזן דער וועלט.

אט דער כח זיך צו קענען שטענדיג אנהאלטן אינעם אייבערשטן אין יעדן פאל, אט דאס איז טאקע איינע פון די הויפט סיבות פארוואס עס פעלט זיך אויס צו זיין מקושר צו א צדיק. וויבאלד נאר די צדיקים זיי זענען די וואס קענען ריכטיג אריינשיינען אין א מענטש די געוויע באלאנס פון התחזקות וואס א מענטש דארף צו האבן, צו וויסן פון איין זייט צו קענען שטענדיג גיין העכער, און ווידער פון די אנדערע זייט נישט ווערן דערשראקן און פארלוירן פון סיי וואס עס וועט זיך אויסקאכן מיט אים אונטערוועגנס. דערפאר נאר דורך זיי קענען מיר ריכטיג מקורב ווערן צום אייבערשטן.

קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

## אין זכות פון התבודדות

אין די פינסטערע טעג פון די צווייטע וועלט מלחמה זענען אסאך ישיבות אנטלאפן פון זייערע שטעט זיך צו ראטעווען פון די נאציס. רבי יצחק געלבאך ז"ל איז געווען א יונג בחור'ל, ווען ער, מיט אלע אנדערע תלמידים פון 'ישיבת קאמעניץ', זענען אנטלאפן צום שטאט ווילנא.

רוב מאל, זענען ליידער די טייערע בחורים וועלכע זענען אנטלאפן פון די נאצישע חיות, אריינגעפאלן גלייך אין די הענט פון די רוסן, וועלכע האבן מיט זייער רשעות זיך געאיילט אנצופילן גאנצעטע וואגאנען מיט די תלמידי הישיבה, זיי אפצושיקן צום קאלטן סיביר, ווי גאר ווייניג האבן באוויזן איבערצולעבן די קעלט און שווערע צוואנגס-ארבעט.

אויך אויף דעם יונגן יצחק'ל איז נעבעך באשטימט געווארן פינף יאר גלות אינעם שרעקליכן סיביר. מען האט אים גלייך ביים אנקומען בא'גנב'ט אן קיין רחמנות זיין ארימען האב און גוטס. פון אלעס וואס ער האט פארלוירן האט ער דאס מערסטע צום הארץ גענומען דאס זיך דארפן שיידן פון זיינע הייליגע פאר תפילין, וועלכע זענען געשריבן געווארן ביי א ערליכע דערהויבענע 'סופר', דער זעלבער סופר וועלכער האט געשריבן די תפילין פונעם הייליגן 'חפץ-חיים'.

יצחק'ל, וועלכער האט נאך אין זיינע יונגע יארן זוכה געווען זיך צו דערוויסן פונעם הייליגן רבי'נס ספרים, האט באגריפן דאס גרויסע חשיבות פון 'התבודדות', און ער פלעגט דאס ערליך אויספאלגן. טאג טעגליך האט ער זיך אוועק געשטעלט אין א באהאלטענע ווינקל זיך אויסצוגיסן דאס הארץ פאר'ן אויבערשטן. דערנאך פלעגט ער זיך שטענדיג צוריקקערן מיט א דערהויבענע רואיגקייט און פעסט-מוטיג, מיט א קלארע אמונה אז דער אויבערשטער געפינט זיך מיט אים אויך אין אזעלכע שווערע אומשטענדן. דאס האט אים געגעבן די כוחות ווייטער אנצוגיין טאג נאך טאג.

אין איינע פון די טעג האט דער דאקטער פון סיביר - וועלכער איז געווען א איד, אבער האט ליידער גארנישט געוואוסט פון אידישקייט צו זאגן - באמערקט, וויאזוי דער יונגער יצחק'ל רעדט צו זיך אליין אויף א געוויסע צייט אפשניט יעדן טאג. ווען ער האט אים אנגעפרעגט דערויף, האט אים יצחק'ל מסביר געווען דאס גרויסקייט פון התבודדות, צו רעדן צום אויבערשטן וועלכע געפינט זיך איבעראל. ער האט אים אויך אויסגעלערנט צו זאגן שמע ישראל, ביז צוביסלעך האט דער דאקטער אנגעהויבן צו פארשטיין וואס דאס מיינט 'זיין א איד'. פון דעמאלטס אן האט דער דאקטער פאררעכנט דעם יונגן בחור'ל פאר זיין רבי און מורה דרך.

כדי צו 'פארדינען' דאס טעגליכע פארציע וואס איז באשטאנען פון א הארט שטיקל ברויט, האט יצחק'ל זיך געדארפט פלאגן גאר שווער, אונטער שרעקליכע אומשטענדן. איין טאג, האט יצחק'ל שוין מער נישט געקענט אויסהאלטן די גאר שווערע ארבעט אין די ביטערע קאלטע פרעסטן, און ער איז פלוצלינג צוזאמענגעפאלן באוואוסטלאז. בשעת ער גרייט זיך שוין צוריקצוקערן זיין נשמה צום באשעפער, איז ער מתפלל אין זיין מחשבה אז ער זאל כאטש זוכה זיין צו קומען צו קבר ישראל. זיינע חברים, זעענדיג ווי ער גייט אויס פארנט פון זייערע אויגן, האבן גארנישט געקענט טוהן מער ווי אויסדרוקן זייער מיטלייד.

די נייעס איבער יצחק'ל'ס צושטאנד האט זיך צושפרייט, און איז אנגעקומען אויך צום דאקטער וועלכער האט זיך געאיילט צו קומען העלפן זיין באליבטע צדיק'ל. דער דאקטער האט אים געפונען פאר'חלש'ט אויף די קאלטע אייז, ער האט זיך געטריי אפגעגעבן מיט אים, געריבן זיין שטערן, און אים געגעבן פארשידענע מעדיצינען. ווען ער האט זיך ענדליך דערמונטערט, האט דער דאקטער באפוילן מען זאל אים נעמען אין די לאקאלע שפיטאל. רבי יצחק איז צוביסלעך געקומען צו די כוחות, און אנגעהויבן גיין אויף די אייגענע צוויי פיס, א זאך וואס איז געווען ממש א קלארע 'נס מן השמים'.

א קורצע צייט שפעטער האט זיך די מלחמה געענדיגט. דער פירער פון זיין אפטיילונג האט אים גערופן און אים געלאזט וויסן אז ער איז פריי! דער פירער האט אים געפרעגט צו וועלכע שטאט ער וויל גיין, מען האט אים געגעבן א מאפע, און ער האט אויסגעוועלט צו גיין צו די שטאט וועלכע איז די נענסטע צו אומאן.

מיד און צובראכן האט זיך רבי יצחק געטראפן ביים טויער פונעם לאגער נאכ'ן געראטעוועט ווערן פון א זיכערע טויט. אין די קליין טארבע אויף זיין ארעם איז געווען איינגעפאקט אביסל עסן פאר די קומענדיגע טעג. אויך בשעת די נסיעה זענען אריבער אויף אים גאר שווערע צייטן, אבער ביי יעדע ריר האט ער קלאר געזעהן וויאזוי די השגחה עליונה היט אויף אים.

אין מאסקעווע, גלייך ביים אפשטייגן פונעם באן, האט ער באגעגנט א איד וועלכע האט אים צוגעפירט גראד צום שטוב פונעם דערהויבענער חסיד רבי נתן שטערנהארץ, (א זוהן פון רבי אברהם שטערנהארץ זי"ע, א בן אחר בן פון הרה"ק רבי נתן מברסלב זיע"א) וואס האט אים ענטפאנגען מיט גרויס שמחה, און אים געגעבן פון אלעם וואס ער האט נאר פארמאגט אין שטוב, רבי נתן האט אפילו זיין אייגענע בעט געגעבן פאר'ן גאסט, בשעת ער אליין האט זיך געלייגט שלאפן אויף די הוילע ערד.

פון דארט האט רבי יצחק פארגעזעצט זיין וועג קיין אומאן, ווי ער האט געטראפן דעם ציון הקדוש ליידער אינגאנצן חרוב. דארט האט ער געהערט אז זיין נסיעה האט אים געראטעוועט פון א זיכערע טויט, וויבאלד רוב מענטשן פון זיין היים-שטאט זענען נעבעך אומגעקומען על קידוש השם דורך די נאציס ימ"ש.

אינעם שטאט אומאן, אונטערן שאטן פונעם הייליגן רבי'נס ציון, האט ער זוכה געווען צו פארשפרייטן תורה און מצוות מיט מסירת נפש ממש אונטערן ריקן פון די קעי דשי בי, ביז ער איז ארויף געגאנגען קיין ארץ ישראל ווי ער האט אויפגעשטעלט א משפחה מיט קינדער און אייניקלעך, וועלכע פאלגן נאך די דרכים פון זייער גרויסע זיידע ביזן היינטיגן טאג.

ואלו יעמדו על הברכה:

מוה"ר **שלמה ראטטער** הי"ו
קרית טאהש
**שתרם 2,000 גליונות**
לרגל אירוסי בתו למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **אברהם מנחם קנאפפלער** הי"ו
ירושלים
**שתרם 1,500 גליונות**
לרגל שמחת הולדת בנו למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **משה יואל ווייס** הי"ו
קרית יואל
**שתרם 500 גליונות**
לע"נ זקינו ר' **נפתלי הירצקא** ב"ר מנחם מאיר **יאקאבאוויטש** ז"ל

מוה"ר **ליפא פריעדמאן** הי"ו
קרית יואל
**שתרם 500 גליונות**
לרגל הולדת הבת למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **שמעון לאק** הי"ו
קרית יואל
**שתרם 500 גליונות**
לרגל הולדת הבת למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

קול
**משיב לשואל**
שו"ת בעבודת השם עפ"י דעת קדשו של רבינו הקדוש זיעוכי"א
**718.362.8870**